## בסעודת ברית מילה של הילד דן בן הר"ר אפרים שלום גאלדבערגער הי"ו

יום ה' פרשת בהר בחוקותי תשע"ג לפ"ק

**וידבר** ה' אל משה בהר סיני לאמור, דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו אויפן בארג סיני, און דער אייבערשטער האט אים איבערגעגעבן די מצוה פון שמיטה. און רש"י שטעלט זיך, אז די גאנצע תורה האט מען דאך גערעדט בהר סיני, פארוואס האט די תורה דא מסמיך געווען הר סיני, נעבן די מצוה פון שמיטה.

**דער** זיידע זכרונו לברכה אין **ולאשר אמר** (פ' בהר) זאגט [די רך הנימול הייסט דאך דן (ע"ש ר' דן גאלדבערגער ע"ה), ער איז געווען א תלמיד פונעם זיידן זכרונו לברכה], אז דער ענין פארוואס די תורה האט מסמיך געווען הר סיני דא צו שמיטה, ווייל די משנה זאגט (אבות ב-ב) יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, שיגיעת שניהם משכחת עון, דער באשעפער האט באשאפן א מענטש מיט א יצר הרע. און א מענטש איז עלול צו זינדיגן. וואס איז דער כח וואס האלט צוריק דעם מענטש פון זינדיגן. זאגט די משנה, צוויי זאכן. תורה מיט דרך ארץ. תורה, אז מען זיצט און מען לערנט תורה, המאור שבה מחזירו למוטב. און נאכדעם איז דא דרך ארץ, וואס א מענטש איז עסוק אין די ארבעט, פון צופרי ביז ביינאכט, און מען קומט אהיים צובראכענערהייט, און מען פלאגט זיך אויף פרנסה, האט מען נישט קיין צייט צו זינדיגן. תורה מיט דרך ארץ צוזאמען, שיגיעת שניהם, וואס מען פלאגט זיך אויף די צוויי זאכן, משכחת עון, דאס מאכט פארגעסן צו זינדיגן.

**וועגן** דעם זאגט די גמרא (סנהדרין נח:) עכו"ם ששבת חייב מיתה, א גוי טאר קיינמאל נישט רוען, ער מוז אייביג טון א ארבעט. ווייל א טאג וואס ער ארבעט נישט, און ער רוהט, האט ער נישט קיין שום זאך וואס זאל אים צוריקהאלטען פון א עבירה. עס איז נישט דא ביי אים קיין תורה, און ער איז נישט עוסק אין פרנסה, איז דאך נישט דא קיין יגיעת שניהם, וואס עס זאל זיין משכחת עון, וועט דאך אויסקומען, אז ער וועט הרג'נען און גנב'נען און גזל'נען, און טון וואס מען דארף נישט. - א יוד ווען עס קומט שבת, כאטש ער קען נישט טון קיין מלאכה, האט ער אבער תורה אין די צייט, נוצט ער עס אויס אויף תורה. האט ער כאטש עפעס, וואס טוט אים צוריקהאלטען פון זינדיגן. אבער א גוי, אָן תורה און אָן עבודה, איז נישט דא וואס זאל זיין משכחת עון, איז עכו"ם ששבת חייב מיתה.

**קומט** אויס אז די צייט וואס א מענטש ארבעט נישט, ער רוהט. דארף ער האבן מער תורה, כדי אים צוריקצוהאלטען פון זינדיגן. שיגיעת שניהם משכחת עון, און אז עס איז נישט דא קיין דרך ארץ, דארף מען האבן דערצו תורה. - ווען עס קומט א יאר שמיטה, וואס א גאנצע יאר ארבעט מען נישט. דארף מען די יאר פון שמיטה אויסנוצען מער פאר תורה. ווייל טאמער וועט מען נישט לערנען קיין תורה, און עס איז נישט דא, נישט קיין תורה, און נישט קיין דרך ארץ, וועט מען דאך זינדיגן. האט די תורה מסמיך געווען הר סיני, וואס דאס איז קבלת התורה, נעבן שמיטה. צו ווייזן אז די יאר פון שמיטה, וואס מען איז נישט עוסק אין עבודה, דארף מען מער אויסנוצען פאר תורה.

**און** עס איז ביי יעדן מענטש אזוי. מען ארבעט דאך א גאנצע וואך, און א גאנצע וואך איז דא תורה, וואס מען איז קובע עתים לתורה. און מען איז פארנומען א גאנצען טאג מיט דרך ארץ, איז יגיעת שניהם משכחת עון. **עס קומט אבער א זונטאג, עס קומט צייטן וואס מען ארבעט נישט. איז אויב עס איז נישט דא קיין תורה, איז נישט דא, נישט קיין תורה, און נישט קיין דרך ארץ, איז נישט דא א זאך וואס עס זאל משכחת עון, דארף מען אין אזא צייט מער אויסנוצען דעם חלק התורה, כדי אז עס זאל האלטן דעם מענטש, אז ער זאל נישט צוקומען צו קיין חטא.**

**אין חיד"א** שטייט, אז מענטש ווערט ארויף קומען אויף יענע וועלט, און מען ווערט אים פרעגן, פארוואס האסטו נישט עוסק געווען אין תורה שטענדיג, והגית בו יומם ולילה, ווערט ער זאגן אז ער איז געווען פַּארטון אין פרנסה, און ער האט נישט געקענט לערנען. ווערט מען זאגן פיין, עס איז א גוטע תירוץ. א טאג וואס דו האסט געארבעט, האסטו נישט געקענט לערנען. אבער לאמיר נעמען דיינע פרייע צייט. וויאזוי האט אויסגעקוקט ביי דיר א שבת, וויאזוי האט אויסגעקוקט א יום טוב, וויאזוי האט אויסגעקוקט ווען עס איז געווען וועקעשא"ן, און מען האט נישט געארבעט, וויאזוי האסטו דעמאלטס געלערנט. איז אויב דעמאלטס נוצט ער אויס די צייט פאר תורה, האט ער א תירוץ. קוק אלע פרייע צייט האב איך געלערנט, און ווען איך בין געווען פארנומען מיט פרנסה, האב איך נישט געהאט קיין ברירה, האב איך נישט געקענט לערנען. טאמער נוצט מען נישט אויס די צייטן פון שבתים און מועדים אויף לימוד התורה, האט מען נישט קיין תירוץ אויף די גאנצע יאר וואס מען האט נישט געלערנט. - כי אקח מועד אני מישרים אשפוט (תהלים עה-ג) זאגט דער **חיד"א**, 'כי אקח מועד', איך וועל נעמען ענקערע מועדים, ווען איר האט יא צייט. און איך וועל קוקען, וויאזוי מען האט דעמאלטס געלערנט. דעמאלטס 'אני מישרים אשפוט', וועל איך ענק קענען דן זיין במישרים, אויף ביז יעצט.

**א** גאנץ יאר האט מען געהאט א תירוץ, שש שנים תזרע שדך, האט מען נישט געקענט לערנען. מען דארף דאך עוסק זיין אין פרנסה. עס קומט אבער די זיבעטע יאר שמיטה, וואס מען האט יא צייט צו לערנען. איז אויב מען לערנט נישט דעמאלטס אין שמיטה, ווערט מען דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף די זעקס יאר אויך. אבער אז מען נוצט אויס די שמיטה פאר תורה, דעמאלטס ווייזט עס, אז וואס מען האט נישט געלערנט תורה די איבריגע זעקס יאר, איז געווען, ווייל מען איז געווען פארנומען מיט די פרנסה. האט די תורה מסמיך געווען הר סיני, תורה, נעבן שמיטה. אז די זאלסט וויסן, אז שמיטה דארף מען מער אויסנוצן די צייט צו לערנען. ווייל טאמער מען ווערט נישט אויסנוצען די פרייע צייט צו לערנען, דעמאלטס האט מען נישט קיין תירוץ אויף די צייט וואס מען איז געווען פארנומען, פארוואס מען האט דעמאלטס נישט געלערנט.

## שיעור באור החיים הק'

ליל שישי פרשת בהר - בחוקותי תשע"ג לפ"ק

(לב) עוד יש לפרש הכתוב, בקרבנות. שמצינו שנקראו חקה, דכתיב בהם (ויקרא ו-יא) חק עולם וגו', וכתיב (שם ז-לו) חקת עולם וגו'. ואמר, אם בחקותי תלכו, להביא קרבנותיכם, תנאי הוא הדבר, ואת מצותי תשמרו. על דרך אומרם (סוכה ל.) אמר רבי יוחנן אמר רבי שמעון בן יוחי גזול דומיא דפסח וכו', אף גזול לית ליה תקנתא, בין לפני יאוש, בין לאחר יאוש וכו', לאחר יאוש, משום מצוה הבאה בעבירה. - והוא מאמר הכתוב כאן, ואת מצותי תשמרו, שלא יביאו לא גזול לפני יאוש, ולא גזול שלאחר יאוש, ומסורת התיבה אחת יורה, לצד ששני המצות, הם ענין אחד של גזל.

ואומרו ועשיתם אותם, יתבאר על דרך אומרו שם בפרק לולב הגזול, וזה לשונם, אמר רבי יוחנן, מאי דכתיב (ישעיה סא-ח) אני ה' אוהב משפט, שונא גזל בעולה, משל למלך שעבר על בית המכס, אמר לעבדיו תנו מכס וכו'. אמר להם, ממני ילמדו עוברי דרכים, שלא להבריח מן המכס. אף הקדוש ברוך הוא, שונא גזל בעולה, כדי שילמדו וכו', ואמרו ז"ל (קידושין לט:) כי מי שבאה עבירה לידו וניצל הימנה, נותנין לו שכר כעושה מצוה. - והוא אומרו טעם למצוה האמורה, שלא יביאו מן הגזל, ועשיתם אותם, פירוש כדי שילמדו עצמן גם כן לברוח מן הגזל, וזה יקרא מעשה, הגם שאינו אלא הרחקת הרשע, כיון שהוא בשעת מעשה, כמדייק ממאמר לברוח וכו'.

**תמצית** פונעם הייליגן **אור החיים הק'**. - ער ברענגט ארויס די הארבקייט פון גזל, אויב מען

נעמט צו ביי יענעם. ווייל אפילו דער אייבערשטער וויל נישט אז מען זאל ברענגען א קרבן עולה פון גזל, כאטש אלעס געהערט פארן רבונו של עולם. און עס איז נישט קיין נפקא מינה, צו עס איז גזל ממש, ווען מען האלט קודם יאוש, נאר אפילו יענער האט זיך שוין מייאש געווען, און ער האט עס קונה געווען, איז דאס א מצוה הבאה בעבירה, און מען טאר עס נישט ברענגען פון גזל. אם בחוקותי תלכו, אז איר וועט וועלן מקיים זיין די מצוה פון קרבנות, וואס ווערט אנגערופן חוקותי, ואת מצותי תשמרו, זאלט איר אפהיטן מיינע צוויי מצוות, וואס עס איז דא ביי גזל, סיי לפני יאוש און סיי לאחר יאוש. און איר זאלט זיך אראפ לערנען פון די מצוה פון גזל ביי א קרבן, ועשיתם אותם, אז מען דארף נאכטון דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער וויל נישט קיין גזל, דארף א מענטש זיך מרחק זיין פון גזל. און אז מען איז זיך מרחק פון גזל, ועשיתם אותם, ווערט גערעכנט אזוי ווי א עשיה, אזוי ווי מען האט עס געטון.

**ברוך** ה' קיינער גזל'ט נישט פון א צווייטן, יודען זענען נישט קיין גנבים און גזלנים. אבער אין די גמרא (ע"ז ע.) שטייט רוב גנבי ישראל, די גמרא (ב"ב קסה.) רעכנט אויס די עבירות מיט וואס מען ווערט נכשל, זאגט די גמרא מיעוטן בעריות, עריות ווערן נאר נכשל א מיעוט מענטשען, רובן בגזל, מיט גזל ווערן רוב מענטשען נכשל, וכולן בלשון הרע. און אז די גמרא זאגט רובן בגזל, איז משמע אז ביי א יעדן יוד קען זיך אנכאפן עפעס פון גזל. - גזל מיינט נישט דוקא, אז מען נעמט אוועק א חפץ פון יענעם. אמאל איז דא גזל ביי נשאת ונתת באמונה, **ווען א מענטש האנדלט נישט ערליך, איז דאס געלט וואס ער באקומט דערפאר, א בחינה פון גזל. ווען א מענטש האט ארבעטער'ס, וואס זענען איינגעשטעלט ביי אים, און ער נעמט אמאל אראפ, פון דעם וואס עס קומט זיך זיי. צו ער גיט זיי צו ארבעט, וואס עס איז נישט געווען אריינגערעכנט אינעם חשבון, און ער באצאלט נישט דערפאר, איז דאס א חלק פון גזל. און פארקערט א ארבעטער וואס מען באצאלט אים אויף די שעה, און ער נוצט נישט אויס זיין צייט, צו טון די ארבעט, ער האט מבטל געווען צייט פונעם בעל הבית, און ער באקומט באצאלט דערפאר, איז דאס א בחינה פון גזל, וואס ער האט דאס געלט, און ער האט עס גענוצט.** די גמרא (ברכות טז.) זאגט, אז מען האט גרינגער געמאכט פאר די פועלים און אומנין, אז זיי קענען דאווענען בראש האילן, כדי זיי זאלן נישט דארפען מבטל זיין צייט פון יענעם.

**נאכדעם** איז דא שואל שלא מדעת גזלן, א וויכטיגע הלכה, **אז מען נעמט אוועק א חפץ פון יענעם, מען האט עס געבארגט, אפילו מען וויל עס נישט גנבענען, מען וויל עס צוריקגעבן נאכדעם. מען נעמט יענעמס א ספר, וואס יענער וואלט מקפיד געווען, מען זאל עס נישט נעמען, און מען באנוצט זיך דערמיט, ווערט ער גערעכנט אזוי ווי א גזלן.** די תורה לערנט אונז דא, אז אפילו ווען מען ברענגט א קרבן, דארף מען זיך מרחק זיין פון גזל. כל שכן אז א מענטש דארף אכט געבן, אויף יעדע זאך וואס ער טוט, אז ער זאל נישט צונעמען פון א צווייטן.

**איך** האב געזען טייטשען, פארוואס איז שואל שלא מדעת א גזלן, ער גיט דאך צוריק די גזילה. נאר אסאך מאל איז דא וואס מען בארגט פון יענעם, און יענער קומט, און ער זוכט עס, און ער טרעפט עס נישט. און נאכדעם ווערט ער געוואר, אז ראובן האט עס גענומען. אפילו ראובן גיט עס אים צוריק, אבער די צייט וואס יענער איז געגאנגען, און געזוכט ווי זיין חפץ איז, דאס איז גזילה. דו האסט צוגע'גזל'ט יענעמס צייט. יעדער שואל שלא מדעת, איז א גוזל פון יענעם. אויב יענער וועט זוכן נאכדעם די חפץ, און ער טרעפט דאס נישט אויף דעם פלאץ ווי ער האט עס געלייגט. די צייט ביז ער ווערט געוואר, ווער עס האט עס גענומען, און וואו מען האט עס געלייגט, איז א בחינה פון גזילה. וועגן דעם איז א שואל שלא מדעת גערעכנט ווי א גזלן.

**אבער** דאס שטייט יא אין **שולחן ערוך הרב** (דיני שאלה ושכירות סעיף ה'), אז טאמער יענער איז אים א גוטער חבר, און ער ווייסט אויף זיכער, אז ווען ער וואלט געבעטען פון אים, וואלט ער מסכים

געוועזן אז ער זאל עס קענען נעמען. איז אויב ער טוט זיך נאר באנוצן מיט דעם חפץ, דאס טייטש ער עסט עס נישט אויף, נאר ער נעמט די זאך זיך צו באנוצן מיט דעם. אזוי ווי א ספר, וואס ער נעמט און קוקט אריין, און ער וועט עס נאכדעם צוריק געבן, אויב ער ווייסט זיכער אז ער וואלט מסכים געווען, מעג מען עס נעמען. אבער נעמען א חפץ, און אפנוצען פון יענעם, אזוי ווי נעמען א פעדער, וואס מען נוצט אויס יענעמס טינט, אדער נעמען יענעמס א עפל און דאס אויפעסן, וואס ער גיט אים נישט צוריק די זאך וואס ער האט גענומען פון אים. אפילו ער ווייסט אז יענער וואלט עס אים געגעבן, העלפט דאס נישט, אפילו ער וויל אים באצאלען שפעטער, ווייל דאס איז גזל ממש. דו נעמסט אוועק א חפץ פון יענעם, און די נוצט עס אפ.

**דער** הייליגער **תפארת שלמה** אין די מאמרים אויף שבועות, שרייבט ער אויף צווי פלעצער (ד"ה זמן מתן תורתינו, ד"ה עוי"ל זה ספר), אז פאר מתן תורה איז געגעבן געווארן פאר כלל ישראל די מצוה פון דינים, אין פרשת יתרו בעפאר די פרשה פון קבלת התורה, איז אויסגערעכנט די פרשה פון משה רבינו מיט די דיינים, וגם כל העם הזה על מקומו יבוא בשלום. און נאכדעם איז געגעבן געווארן די תורה. זאגט די הייליגער **תפארת שלמה זי"ע**, מען ווייסט אז יעדער יוד האט א אות אין די תורה, עס איז דא אין די תורה ששים רבוא אותיות, און עס איז דא ששים רבוא נשמות, יעדע נשמה איז א אות אין די תורה הק'. די הלכה איז, אז א יעדע אות אין די תורה, דארף זיין מוקף גבול. עס טאר נישט צורירן איין אות צום צווייטן, עס דארף זיין ארומגענומען מיט פארמעט פון אלע זייטן. טאמער איז דא א נגיעה פון איין אות צום צווייטן, איז די ספר תורה פסול (עיין **באור החיים הק'** להלן אות לד). עס מוז זיין יעדער אות עקסטער פאר זיך. זאגט ער, אז די תורה האט אונז געוואלט לערנען, אז א מענטש דארף וויסן, אז יעדער אות איז דאך א נשמה פון א מענטש, איין אות איז ראובן און איין אות איז שמעון. און מען טאר נישט צורירן צו יענעמס זאך, אין אדם נוגע במוכן לחבירו, מען קען נישט צונעמען פון יענעם, און מען טאר נישט צורירן צו יענעם. א אות וואס איז מוקף גויל, איז די טייטש, אז דער גאנצער אות איז ארומגענומען, און ער האט נישט קיין נגיעה צו א צווייטן. טאמער אבער עס איז דא א נגיעה פון איין אות צום צווייטן, איז די ספר תורה פסול. אזוי ווי דער אייבערשטער האט דאך געוואלט געבן די תורה, און ששים רבוא נשמות זענען געווען דארט ביי מתן תורה, איז די גאנצע תורה געשטאנען דארט ביי קבלת התורה, אלע ששים רבוא נשמות, וואס דאס איז ששים רבוא אותיות התורה. ווילאנג מען האט געהאט יענעמס געלט ביי זיך, מען האט נישט געהאט אויסגעגראדט די סכסוכים פון איינעם מיטן צווייטן, איז געווען נגיעות צווישן איין אות און דעם צווייטען אות. און אז עס איז דא א נגיעה צווישן איין אות און דעם צווייטן אות, איז די ספר תורה פסול. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געגעבן קודם דינים, קודם זאל מען אויסגראדן אלע געלט זאכן, וואס עס איז דא פון איינעם מיטן צווייטן. כדי די אותיות זאלן נישט האבן קיין נגיעה, צווישן איינס און דעם אנדערן, און נאכדעם וועט מען קענען צוגיין און מקבל זיין די תורה. קודם דארף זיין כל העם הזה על מקומו יבוא בשלום, און נאכדעם קען זיין בחודש השלישי וכו' אז מען זאל געבן די תורה.

**איך** האב געזען שטיין א שיין ווארט פונעם **משמרת אלעזר**, ער איז געווען **גאלאנטא רב**, פון די פריערדיגע צייטן. עס שטייט אין פסוק ביי דעם דור המבול, קץ כל בשר בא לפני, כי מלאה הארץ חמס מפניהם (בראשית ו-יג), זאגט רש"י לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל. די וועלט פרעגט, גזל איז טאקע א לא תעשה, אבער כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ איז א הארבערע עבירה, עס איז דא ביי דעם כריתות און מיתת בית דין. אבער ביי גזל איז נישטא מער ווי א לאו, פארוואס איז לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל. האט ער געזאגט אז דער פשט דערפון איז אזוי, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, אז עס איז דא פיר יסודות, דומם, צומח, חי, מדבר. דומם איז די ערד, צומח איז וואס עס וואקסט ארויס פון די ערד, און נאכדעם איז דא בעלי חיים, און נאכדעם איז דא דער מענטש. פיר זאכן פון וואס עס איז צוזאמגעשטעלט די בריאה. דער

באשעפער האט אזוי אויסגעשטעלט די וועלט, אז איינער גזל'ט פונעם צווייטן. דער צומח גזל'ט פונעם דומם, ער נעמט די כח פונעם דומם, און פון דעם וואקסט ארויס די בוים, און די פירות. איז עס דאך א גזילה, ער איז גוזל פון די ערד. קומט דער בעל חי און ער עסט אויף דעם צומח, ווייטער גזל. קומט דער מענטש, און ער נעמט דעם בעל חי, און ער שחט אים, און ער עסט אויף דעם בעל חי, איז דאך עס א וועלט פון גזילה. עס איז אויסגעשטעלט געווארן די גאנצע וועלט אזוי, אז די צומח נעמט צו פונעם דומם, דער חי נעמט צו דעם צומח, און דער מענטש נעמט צו דעם חי. עס קען דאך נישט זיין, אז דער באשעפער האט באשאפן א וועלט פון גזילה.

**נאר** וואס דען, באמת איז עס נישט קיין גזל. ווייל יעדע זאך וויל נתעלה ווערן, און ווערן א גרעסערע מדריגה פון וואס ער איז געווען. דער דומם פריידט זיך, אז ער ווערט א חלק פון דעם צומח. קומט אויס אז דער דומם ווערט נתעלה, מיט דעם וואס ער איז געווארן א צומח. דער צומח האט א שטרעבונג צו גיין העכער פון וואס ער איז, און אז דער חי עסט אים, איז ער געווארן א שטיק פונעם חי. דער חי האט ווייטער א תשוקה צו ווערן א העכערע מדריגה פון אים, אז דער מענטש עסט אויף דעם חי, איז ער געווארן א חלק פון דעם מדבר.

**אבער** דאס איז נאר ווען מענטשען פירן זיך אויף ערליך, האט די גאנצע סדר הבריאה א תשוקה. דער דומם וויל ווערן א צומח, און די צומח וויל אריינקומען אין דעם חי, און נאכדעם קומט דער חי אריין אין דעם מדבר. קומט אויס אז ער האט מעלה געווען, דעם דומם אז ער איז אריין אינעם מדבר, און ער האט אים מעלה געווען. טאמער אבער מען פירט זיך נישט אויף ערליך, כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ, אזוי ווי עס איז געווען ביי דעם דור המבול. האט נישט דער דומם מיטן צומח מיטן חי א תשוקה אז זיי זאלן אריינקומען אינעם מענטש. דער מענטש איז דאך נישט קיין סאך ווערט, מיט דעם אז ער איז א מענטש, רשעים בחייהם קרויין מתים. קומט אויס ווערט די גאנצע וועלט א שטיק גזילה. דער צומח נעמט פונעם דומם, און דער חי נעמט פונעם צומח, און דער מדבר נעמט פונעם חי, אלעס איז גזל. דאס איז דער פשט לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל, ווייל אויב מען פירט זיך נישט אויף ערליך, ווערט די גאנצע וועלט א שטיק גזל.

**וועגן** דעם זאגט מען יום הקדוש ביי תפלת נעילה, ווען מען בעט אז דער אייבערשטער זאל מוחל זיין אויף אלעם וואס מען האט געזינדיגט, בעט מען למען נחדל מעושק ידינו, מען זאל נישט צונעמען פון יענעם. איין זאך וואס מען נעמט ארויס פון אלע תרי"ג מצות שבתורה, אז מען זאל קענען מתקן זיין, אז עס זאל נישט זיין קיין עושק אין אונזער הענט. - לויט דעם וואס מען האט פריער גערעדט, איז דער פשט, אויב מען פירט זיך נישט אויף ערליך, איז אלעס א עושק, דאס וואס די עסט דעם צומח און דעם חי איז אלעס עושק. אלעס גזל'ט איינעם פונעם צווייטן. אז דער אייבערשטער וועט העלפן און מען וועט זיך פירן ערליך, וועט זיין למען נחדל מעושק ידינו, וועלן מיר אויפהערן פון צו באגנבענען איינעם דעם צווייטן.

**און** דאס איז וואס דער אייבערשטער האט אונז געלערנט, אני ה' אוהב משפט, דער אייבערשטער וויל משפט, יעדער זאל וויסן, אז געלט פון א מענטש, דאס באלאנגט נאר פאר אים. און קיינער זאל נישט צורירן צום צווייטן. און וועגן דעם איז שונא גזל בעולה, האט דער אייבערשטער פיינט געהאט, אז מען זאל ברענגען א עולה פון גזל.

**אין** די הייליגע ספרים שטייט, אז אלעס וואס א מענטש האט, איז א חלק פון זיין נשמה. אין יעדע זאך איז דא ניצוצות קדושות, און יעדע מענטש אויף די וועלט, האט זיינע זאכן וואס דארפן אנקומען צו אים אין שטוב, אריינצוקומען אין זיין רשות, און וואס עס איז ביי אים, דארף ער מתקן זיין. ווי אזוי ער איז דאס מתקן, און ווי אזוי די תיקונים גייען, דאס איז א עקסטערע זאך פאר זיך. אז מען נעמט אוועק פון יענעם א פרוטה, איז נישט איך האב

צוגענומען א פרוטה פון יענעם, איך האב צוגענומען א זאך, וואס פאר יענעם וועט יעצט פארפעלט ווערן פון זיין שלימות. ווייל דער אייבערשטער האט אים געגעבן די פרוטה, עפעס מתקן זיין מיט די פרוטה אדער מיט די חפץ. און אז מען האט עס צוגענומען פון אים, האט יענער נישט די געלעגנהייט, ער זאל עס קענען מתקן זיין. אני ה' אוהב משפט, וועגן דעם האט דער אייבערשטער ליב משפט, און שונא גזל בעולה, ווייל מיט גזל האט מען צוגענומען א חלק פון יענעמס עבודה, וואס ער האט געדארפט אויף צוטון מיט דעם חפץ.

*

**איך** האב געזען שטיין, אויף דעם פריערדיגן שמועס, אז א יעדע אות פון די ספר תורה, דארף זיין מוקף גויל. אז מען ווייסט דאך, אז יודען דארפן זיך ליב האבן איינער דעם אנדערן, ואהבת לרעך כמוך (ויקרא יט-יח), עס איז א געוואלדיגע חשיבות, אז עס איז דא אחדות צווישן איין יוד און דעם אנדערן יוד. און פארוואס אין א ספר תורה, וואס א יעדע אות איז א עקסטערע יוד פאר זיך, און ער וויל שטארק ליב האבן דעם אנדערן אות. זאגט מען, ניין, טאמער דו רירסט אָן דעם אנדערן אות, איז דער ספר תורה פסול. עס דארף טאקע זיין אינעם ספר תורה אלע אותיות, און אז עס פעלט איין אות איז דער ספר תורה פסול, אבער יעדער מוז זיין עקסטער פאר זיך. עס מוז זיין מוקף גויל, ער זאל נישט צורירען צום צווייטן. פארוואס נישט, אז ער רירט צו, איז עס נאך א גרעסערע אחדות, ווי ווען איך שטיי עקסטער פאר זיך.

**נאר** די וועלט זאגט, אז **א יוד דארף זיין גוט 'צו' יעדן, אבער נישט 'מיט' יעדן.** א יוד דארף זיין גוט 'צו' יעדן, ווען א יוד דארף א טובה, דארף מען ארויס העלפען אפילו די פשוט'סטע יוד אויך, אין בודקין למזונות (ב"ב ט.), אז א יוד דארף האבן עפעס א טובה, דארף מען אים העלפן. אבער לעבן גוט 'מיט' יעדן, דאס דארף מען שוין מעסטען. אמאל איז דא א אדם רע, א חבר רע, שכן רע, וואס מען בעהט פונעם אייבערשטען 'והרחיקנו', אז ער זאל אונז מרחק זיין פון זיי.

**די** אותיות אין די תורה, איז דאך אלע מיני יודען, בראת רשעים בראת צדיקים (סוטה כב.), עס קען נישט זיין אז איין אות מיטן אנדערן אות זאלן זיך צוזאמקלעבן, און זיין אינאיינעם. פארוואס, ווייל **נישט מיט יעדן קען מען לעבן צוזאמען. עס דארף אמאל זיין א מוקף גויל. איך בין טאקע א שכן מיט יענעם, איך וואוין נעבן יענעם, איך דריי מיך מיט יענעם, אבער איך בין נישט איינס מיט יענעם.** האט די תורה געזאגט אז עס טאר נישט זיין א נגיעה פון איין אות מיטן צווייטן אות.

**אבער** דו זאלסט וויסן אז א יעדע אות אין די ספר תורה איז חשוב. טאמער איז דא א גאנצע ספר תורה, און עס פעלט דערפון איין אות, איין נשמה, איז די ספר תורה פסול. קומט אויס, פון דעם וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה, וואס האט ששים רבוא אותיות לתורה, און מען רעכנט זיך מיט יעדן אות אין די תורה, אז אויב עס פעלט איין אות אין די תורה, איז די ספר תורה פסול. און אפילו די מוזט האבן אלע אותיות פון די תורה, פונדעסטוועגן ריר נישט צו צום צווייטען. דאס לערנט אונז אז א יוד דארף זיין גוט 'צו' יעדן, אבער נישט זיין גוט 'מיט' יעדן. צו יעדן, אז א יעדע אות פון די ספר תורה דארף זיין א חלק פון דיר. אבער אז עס זאל זיין א נגיעה, זיין א חבר מיט יעדן איינעם, דארף מען וויסן אויסצוקלויבן אייביג נאר א חבר טוב, און נישט קיין חבר רע, אדער א שכן רע, און א פגע רע. ביי די זאכן טאר נישט זיין א נגיעה איינעם מיטן אנדערן.

* * *

(לג) עוד יתבאר הפסוק על כללות המצות על זה הדרך, לצד שיחשוב אדם, כי עיקר המצות ותועליותם אינו אלא למי שיודע עקרן וטעמן, אבל עשיית מצוה בלא ידיעת טעם, הרי הוא עושה מעשה שאין בו ממש, כגוף בלא נשמה. ותמצא שכן כתבו בשם **הרב האר"י** ז"ל, כי מעשה בלא כוונת הדבר, הוא ככלי ריק, שהעיקר הוא המחשבה.

ולזה בא מאמר הכתוב כאן, אם בחקתי תלכו, פירוש, אם האדם יעשה המצוה בכוונה זו, לצד

אשר חקק ה' ברוך הוא. תועיל להם כוונה זו, כאלו קיימו המצות, כמו שנתכוין ה' עשות. והוא אומרו ואת מצותי תשמרו, בכינוי אל המצווה, שהוא בכל כוונותיהם וסודותיהם.

ולצד שיאמר אדם, אם כן, כיון שהקדוש ברוך הוא יקבל דבר זה לצד הרצון שבאדם, הגם שלא נתכוון. אם כן, גם כן לא יעשה דבר, ויתרצה בדעתו עשות, ויועיל גם בהעדר המעשה. תלמוד לומר ועשיתם אותם, תנאי הוא הדבר, שיעשה מה שיש בידו, וה' יגמור בעדו.

**תמצית** פונעם הייליגן **אור החיים הק'**. - אז א יעדע מצוה וואס א יוד טוט, דארף האבן די מעשה המצוה, און די מחשבה פון די מצוה. אבער אפילו די מחשבה איז נישט בשלימות, קען ער מכוון זיין מיט די מחשבה, אז ער טוט עס, אויף דעם דעת פונעם רבונו של עולם. 'אם בחוקותי תלכו', איך גיי אין די חוקים, אין די וועגן פונעם אייבערשטען, 'ואת מצותי תשמרו', און איך טו אזוי, ווייל דו האסט עס מְצַוֶּוה געווען. אבער זאלסט נישט זאגן, אז אפילו איך בין מכוון צו טון די 'מעשה' המצוה אויף דעם דעת פונעם רבונו של עולם, איז אויך גוט. ניין, נאר 'ועשיתם אותם', די מעשה פארלאנגט זיך עס זאל זיין בפועל.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **ברעזשאנער רב**, אז די גמרא (סוטה מד:) זאגט, אז ווען איינער איז מפסיק בין תפלה של יד לתפלה של ראש, איז ער חוזר עליו מעורכי המלחמה. די פשוטע פשט איז, אז ווען מען איז ארויסגעגאנגען צו די מלחמה, איז דאך א איש הירא מעבירות שבידו נישט ארויסגעגאנגען, און אפילו ער האט געהאט נאר אזא קליינע עבירה, אז ער האט אויסגערעדט צווישן די תפילין של יד און די תפילין של ראש, גייט ער צוריק פון די עורכי המלחמה. זאגט ער אזוי, א יוד טוט אן תפילין של יד און תפילין של ראש. פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן אנטון צוויי תפילין'ס, אויף די הענט און אויף די קאפ. פארוואס איז נישט גענוג אז ער טוט אָן נאר אויף די הענט אדער נאר אויף די קאפ.

**נאר** דער באשעפער האט געוואלט מיט דעם ווייזן, אז ביי א יעדע מצוה דארף זיין, סיי די מעשה און סיי די מחשבה. די מעשה, טוט ער אָן תפילין אויף די האנט, איך בין משעבד אלע מיינע פעולות מיט די האנט, פאר דעם רבונו של עולם. צו טון אלעס וואס דער אייבערשטער האט געהייסן. אבער עס איז נישט גענוג די מעשה אליין, עס דארף זיין די מחשבה אויך, וועגן דעם לייגט מען תפילין אויף דעם קאפ, עס זאל זיין אזוי ווי דער **אור החיים הק'** זאגט, סיי די מעשה פון די מצוה, און סיי די מחשבה פון די מצוה.

**ווען** א מענטש וועט זאגן, אפשר איז גענוג איינס. מען קען מאכן א הפסק צווישן זיי, איך וועל מקיים זיין נאר די מעשה, אדער איך וועל מקיים זיין נאר די מחשבה דערפון. זאגט ער, אז דאס איז דומה, צו די סאלדאטן וואס גייען ארויס אין מיליטער פירן די מלחמות, וואס זיי זענען איינגעטיילט אין צוויי חלקים. עס איז דא די פשוטע זעלנער, וואס מען גיט זיי ארויס, וואו מען דארף צו גיין, און וואס מען האט צו טון. און זיי טוען נישט אויסרעכענען די מלחמה, נאר זיי טוען די באפעלן, וואס מען האט זיי געהייסן צו טון. און נאכדעם איז דא די גענעראלן, וואס זיי גייען נישט ארויס אין די מלחמה, און זיי נעמען נישט קיין געווער אין די האנט. נאר זיי זיצען ביי זיך אין שטוב מיט די גרויסע מפות, און רעכענען אויס, וואו מען דארף צו שטעלן די סאלדאטן, און וואו מען דארף באפאלען, און וואו מען דארף זיך פארטיידיגען, ווי די סדר איז פון די וואס רעכענען אויס די מלחמה. קומט אויס, אז עס דארף זייןביידע חלקים אין די מיליטער, סיי די וואס רעכענען אויס די מלחמה, וואס זיי טוען נאר במחשבה און נישט במעשה, און נאכדעם דארף זיין די מעשה אויך, אויסצופירן די מחשבות.

**אז** איינער וועט זאגן, פארוואס דארף מען האבן די פשוטע סאלדאטן, וואס זיי פארשטייען גארנישט. דער עיקר איז, אז די גענעראלן זאלן אויסרעכענען די מלחמה מיט זייער קאפ, און זיי זאלן פארשטיין פונקטליך, ווי אזוי מען דארף

מאכן די טכסיסי המלחמה. אבער די איבריגע סאלדאטן איז נישט וויכטיג. איז ער א שוטה. ווייל וואס האב איך אויפגעטון, אז ער האט אויסגערעכנט במחשבה די גאנצע מלחמה, און ווען עס קומט בפועל, טוט ער גארנישט. און די זעלבע איז, ווען איינער וועט זאגן אז די גענעראלן דארף מען נישט האבן, זיי טוען דאך ממילא גארנישט, זיי זיצן דארט אין שטוב, אונז פיר מיר די מלחמה. איז ער אויך א שוטה. ווייל מען קען נישט ארויסגיין אין מלחמה, ווען עס איז נאר דא די מעשה, און עס פעלט די מחשבה. אז עס איז דא א גוטע ארגאנאזירטע סטראטעגיע, וואס זיי טוען אויסרעכענען און געבן ארויס די באפעלן, ווי אזוי צו פירן די מלחמה. און עס איז אויך דא די מעשה. מיטביידע צוזאמען געווינט מען די מלחמה.

**ווען** איינער איז מפסיק בין תפילין של יד לתפילין של ראש, ער זאגט, אז עס מוז נישט זיין ביידע, תפילין של יד און תפילין של ראש, די מעשה מיט די מחשבה. מען קען מפסיק זיין, מען קען אפטיילן איינס פונעם אנדערע. 'חוזר עליו', קען ער חוזר זיין פון זיין געדאנק, 'מעורכי המלחמה', פון די וואס גייען ארויס אין די מלחמה. וואס מען זעהט דארט, אז צו געווינען א מלחמה דארף זיין, סיי די וואס פירן די מלחמה מיט די האנט, און סיי די וואס פירן די מלחמה מיט די קאפ. די זעלבע איז אויך ביי די מלחמת היצר, וואס א יוד דארף צו פירען, דארף צו זיין ביידע. 'אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו', על דעת פונעם מְצַוֶּה, דער רבונו של עולם וואס האט געהייסען טון די מצוה, און אויך 'ועשיתם אותם', טון די מעשה פון די מצוה.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת בהר - בחוקותי תשע"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת במדבר תשע"ג לפ"ק

**אין** די פרשה פון שמיטה די וואך, זאגט די תורה הק', כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, ושבתה הארץ שבת לה' (כה-ב), און רש"י זאגט, שבת לה', לשם ה' כשם שנאמר בשבת בראשית. אין די מפרשים שטייט, אז א יעדע מצוה קומט אונז עפעס צו לערנען. איז פארוואס האט דער אייבערשטער אונז מְצַוֶּה געווען מיט די מצוה פון שמיטה. נאר דער טעם דערפון איז, כדי אונז אויסצולערנען, מיר זאלן וויסן אז לה' הארץ ומלואה (תהלים כד-א), דו ביזט נישט א בעל הבית אויף די וועלט. און וואס דו האסט, איז דעם אייבערשטען'ס. און דער באשעפער גיט דיר די רעכט, אז דו קענסט ניצן זיין'ס. אבער אלעס געהערט פאר אים. - שבת איז מעיד אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און שמיטה איז מעיד אז דער באשעפער איז דער בעל הבית פון די וועלט, היינט אויך. און ער האט געהייסן, אז דעם זיבעטען יאר זאל מען רוען.

**עס** שטייט אין די משנה אין פרקי אבות (ה-ט), גלות קומט אויף עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכת דמים, ועל שמיטת הארץ. אז מען האט נישט געהאלטן שמיטה, האט דער אייבערשטער פארטריבן די יודען פון ארץ ישראל. פארוואס איז שמיטה אזוי הארב, אז מען האט פאר דעם פארטריבן פון ארץ ישראל.

**איז** דא אויף דעם א משל, איינער האט אמאל געהאט א הויז, און ער האט זיך געוואלט אוועקציען צו א צווייטע מדינה, און ער האט געוואלט איבערלאזן דארט די הויז פאר זיך, ווייל ער האט געטראכט, אפשר וועט ער עס נאך אמאל דארפן האבן. און ער האט נישט געוואלט אז די הויז זאל זיין ליידיג. האט ער געזאגט פאר זיין חבר, איך פאָר אוועק, און איך האב דא א הויז, אז דו ווילסט, קענסטו ארייינגיין וואוינען ביי מיר אין די דירה. איך געב דיר עס איבער, דו קענסט דיך באנוצען דערמיט. אבער איך האב דאך מורא אז ברבות הימים ווערסטו טראכטען אז די הויז איז דיינס, און דו וועסט בלייבן דערמיט, אזוי ווי דו ביזט דער בעל הבית. מענטשען וועלן זען אז דו וואוינסט דא שטענדיג, וועלן זיי זאגן אז דו ביזט דער בעל הבית. נעם איך זיך אויס מיט דיר א תנאי, אז

יעדע זיבעטע יאר מוזטו ארויסגיין פון די דירה אויף א יאר, און דעמאלטס קען יעדער אריינקומען, איך געב רשות פאר יעדן אריינצוקומען, און זיך באנוצען דערמיט, און א יאר שפעטער קענסטו צוריק אריינגיין. מיט דעם האט ער זיך געוואלט פארזיכערען, אז ער זאל וויסן, אז עס איז נישט זיינס, און ער איז נאר דא, ווייל מען האט אים געלאזט דארט וואוינען.

**יענער** האט אנגענומען דעם פארשלאג. קודם האט ער זעקס יאר, וואס ער קען דארט וואוינען אומזיסט, און די זיבעטע יאר וועט ער זיך זוכן א דירה. ווילאנג יענער האלט זיין קאנטראקט, און דעם זיבעטען יאר גייט ער ארויס, איז דער בעל הבית רואיג, און ער לאזט אים וואוינען דארט. ווען דער בעל הבית הערט, אז עס איז געקומען דער זיבעטער יאר, און ער איז נישט ארויסגעגאנגען פון דארט. קומט ער תיכף צו פארן, און ער זאגט אים, ר' יוד, ארויס פון דעם הויז! דו וועסט דאך מארגען זאגן, אז עס איז דיינס אינגאנצן. דו האסט נישט געהאלטן וואס מען האט זיך אויסגענומען, וויל איך דיר אינגאנצן נישט האלטן.

**דער** רבונו של עולם האט באשאפן די וועלט, און והארץ נתן לבני אדם (תהלים קטו-טז), ער האט אונז געלאזט דא וואוינען. מיר געפונען זיך אין א עולם שאינו שלנו, א וועלט וואס עס געהערט נישט צו אונז, עס איז דעם אייבערשטען'ס. און דער רבונו של עולם וויל, אז מיר זאלן געדענקען שטענדיג, אז מיר זענען אין זיין דירה. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך געב דיר די פעלד, זעקס יאר קענסטו ארבעטן, אבער די זיבעטע יאר וויל איך נישט דו זאלסט ארבעטן. לאז יעדן איינעם אריינקומען אין דעם פעלד. מיט דעם וועסטו דיך איבערצייגן, און געדענקען שטענדיג, אז די זעקס יאר וואס דו וואוינסט יא אין דעם פעלד, איז א מתנה וואס דו האסט באקומען פונעם רבונו של עולם. טאמער דו וועסט עס אבער קענען נוצען שטענדיג, וועסטו זאגן אז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, אלעס איז מיינס. איך האב מיר געקויפט דעם פעלד, און עס איז מיינס אויף לעולם ועד. זאלסטו אבער וויסן, ניין, עס איז נישט דיינס אויף לעולם ועד, דו ביסט אין מיין רשות. דו קענסט עס נוצען אפאר יאר, אבער איין יאר וויל איך עס זאל זיין פריי.

**ווען** דער בעל הבית, דער רבונו של עולם, קומט און ער זעט אז יענער האלט נישט קיין שמיטה, עס קומט די זיבעטע יאר און ער איז נאך ווייטער דארט אין פעלד. גלות בא לעולם, קומט גלות, ארויס פון מיין פעלד, ארויס פון מין לאנד. עס איז מיין'ס. איך האב ענק געגעבן דאס לאנד. זאגט די פסוק, והיה כי תבואו אל הארץ אשר 'אני' נותן לכם, איך געב ענק ארץ ישראל, עס איז נישט ענקער'ס, 'איך' לאז ענק דא וואוינען, 'איך' האב עס ענק געגעבן. פארלאנג איך פון ענק אז עס זאל זיין שש שנים תזרע שדך, אבער ובשנה השביעית שבת לה'. צו ווייזען אז מען דארף געדענקען אז עס איז א מתנה פונעם אייבערשטען.

**טאמער** איר וועט נישט האלטן קיין שמיטה, גלות בא, קומט דער גלות. נישט ווי א עונש אויף יעדע עבירה, אז מען וויל יענעם מעניש זיין, מען וויל אים ווי טון. ווייל דו האסט געטון א עבירה, וועט מען דיר שטראפן דערויף. ניין, דא קומט דער גלות ווייל די גאנצע סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געהייסן אז די זיבעטע יאר זאל מען רוען, איז דאך כדי צו ווייזען אז עס איז דעם אייבערשטען'ס. און אז דו האלטס נישט דעם קאנטראקט, און דו מיינסט אז עס איז דיינס, איז דיין פלאץ נישט דא, און דאס איז די סיבה פארוואס גלות בא לעולם.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר יא-ה) אז מען האט געפרעגט רבי עקיבא, אז דער אייבערשטער האלט די תורה, האלט ער דאך שבת אויך. איז ווי אזוי גיט דער אייבערשטער רעגן אין שבת, מען טאר נישט מוציא זיין פון איין רשות צום אנדערן רשות. האט רבי עקיבא געענטפערט, יא, פון ראובן'ס רשות טאר מען נישט מוציא זיין צו שמעון'ס רשות, אבער טאמער ראובן האט צוויי רשותים, מעג ראובן מוציא זיין פון איין שטוב צו דעם אנדערן שטוב. די וועלט איז דעם

אייבערשטען'ס, איז ווען דער אייבערשטער גיט רעגן, פון הימל אראפ צו די ערד, האט ער מוציא געווען אין זיין אייגענעם רשות, פון איין פלאץ צום צווייטן.

**אבער** לכאורה איז עס נישט אזוי. ווייל די גמרא זאגט (ברכות לה.) לה' הארץ ומלואה, דאס איז נאר קודם ברכה, אבער לאחר ברכה, איז והארץ נתן לבני אדם. דער אייבערשטער האט עס אונז געגעבן, און אז דער אייבערשטער האט עס אונז געגעבן, איז דאך צוריק שווער די קשיא, האלט דאך דער אייבערשטער נישט קיין שבת. דער תירוץ דערויף איז, אז דער אייבערשטער האט עס אונז נישט געגעבן, אז מיר זענען די בעל הבית אויף די ערד. נאר ער האט אונז אריינגעלאזט דארט, אזוי ווי יענער לאזט וואוינען אין די דירה. נאך די ברכה זאגט דער אייבערשטער אז דו קענסט אריינקומען אין דעם לאנד, אדער אין דעם פעלד, און דו קענסט דא וואוינען זעקס יאר. אבער עס איז נאך אלץ געבליבן דעם אייבערשטען'ס.

**קומט** אויס אז פון די מצוה פון שמיטה, וואס דאס ווייזט אז עס איז געבליבן דעם רבונו של עולם'ס, און וועגן דעם האט ער אונז געהייסען, אז איין יאר זאלן מיר דאס נישט נוצן. פון דעם ווייסן מיר אז דער אייבערשטער האלט שבת.

ווייל אז נישט איז דאך א קשיא, ווי אזוי גיט דער אייבערשטער רעגן, ער איז דאך מוציא מרשות לרשות. און ווי אזוי קען מען זאגן, אז דער אייבערשטער האלט שבת. אבער די מצוה פון שמיטה ווייזט דאך, אז אפילו נאכדעם וואס מיר האבן עס באקומען, איז עס נאר אזוי ווי מיר וואוינען אינעם רבונו של עולם'ס הויז, איז ממילא פארשטייט מען אז דער אייבערשטער האלט שבת, אפילו ער גיט רעגן.

**כי** תבואו אל הארץ אשר 'אני נותן לכם', ווען איר וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, וואס איך געב דאס פאר ענק, ושבתה הארץ שבת לה', איך געב ענק די מצוה פון שמיטה, אז מען זאל רוען, און מיט דעם וואס איך געב ענק די מצוה פון שמיטה, ווייזט דאך דאס אז די פעלד איז געבליבן מיינ'ס, איז ושבתה הארץ שבת לה', איז ביים אייבערשטען אויך דא שבת. ווייל אזוי איז דאך ביים אייבערשטען נישט דא קיין שבת, ווייל דער באשעפער טוט דאך א מלאכה, ער גיט רעגן פון איין רשות צום אנדערן רשות. אבער די מצוה פון שמיטה, וואס דאס ווייזט, אז אפילו נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן דאס לאנד, פונדעסטוועגן איז ער געבליבן דער בעל הבית דערויף. איז וועגן דעם פארשטייט מען, אז דער אייבערשטער האלט שבת, אפילו ער איז מוריד גשמים.